Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Yidn in Poyln

Bałaban, Majer
ריאמ ,ןאבאלאב

Ṿilne, 1930

ןדיי יד ןואַןאעלָאפַּאנ [IV]

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8275

Visual Library

# נאַפּאָלעאָן און די יידן

צו דער 100־סטער יאָרצייט פון דעם גרויסן קייזער
דעם 5 מאַי 1921

## א) נאַפּאָלעאָן און זיין תקופה

דעם 5 מאַי 1921 איז געוואָרן 100 יאָר זינט דער גרויסער נאַפּאָלעאָן איז טויט. אין איינס פון די 5 צימערן פון זיין וואוינונג אויף דער קליינער אינזל העלענאַ האָט זיך געראַנגלט מיט דעם טויט דער גרויסער קייסער, איינצלנע ווערטער זענען אַרויסגעקומען פון זיין מויל: „פראַנקרייך", „מיליטער", „מיין זון" א. אַז. ו. און באַלד האָט זיך דער קייסער אויסגעצויגן אויפן בעט און 11 מינוט פאַר 6 פאַרנאַכט האָט דער דאָקטאָר קאָנסטאַטירט דעם טויט. אַריינגעקומען איז אין שטוב אַריין דער ענגלישער גובערנאַטאָר פון דעם אינזל, וואָס האָט דעם קייסער געהיט 7 יאָר, און ווי נאָר מען האָט אים געמעלדעט וועגן דעם טויט, האָט ער אַרויסגעזאָגט די ווערטער: „דאָ איז געשטאָרבן דער גרעסטער שונא פון ענגלאַנד און אויך מיין גרעסטער פיינט, איך בין אים אָבער אַלץ מוחל, וויילביים טויט פון אַזאַ גרויסן מאַן דאַרף מען נאָר טרויער און שמערץ טראָגן אין האַרץ".

און איראָפּע האָט געוווּסט, וועמען זי האָט פאַרלוירן. מעטערניך, „דער לערער פון אַלע מלכים" האָט פאַרשטאַנען, אַז מיטן טויט פון נאַפּאָלעאָן איז ער פטור געוואָרן פון דעם איינציקן שונא, און דאָס זעלבע האָבן געשפּירט אַנדערע הערשער. איין געפאַנגענער איז נאָר געבליבן אויף דער וועלט און דאָס איז געווען נאַפּאָלעאָנס זון „דער הערצאָג פון רייכשטאַט", אָבער דעם זון האָט מעטערניך גוט געהיטן אין דעם קייזער-ליכן שלאָס אין שענברון און האָט אַזוי פאַרשטאַנען צו ערציען אים, אַז ער זאָל נישט לאַנג לעבן אויף דער וועלט..

נאַפּאָלעאָן האָט אין זיין צוואה פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים באַגראָבן אין פּ אַ ר י ז, אָבער זיין לעצטער ווילן איז נישט ערפילט געוואָרן: אויף דעם זעלבן אינזל העלענאַ, ווו ער איז געשטאָרבן, האָט מען אים באַגראָבן, ענגלישע קאַנאָנען האָבן אָפּגעגעבן די לעצטע סאַלוט-שאָסן און די ענגלישע רעגימענט-מוזיק האָט אָפּגעשפּילט דעם ענגלישן נאַציאָנאַל-הימן. ערשט נאָך 19 יאָר (1840) איז זיין לעצטער טרוים מקוים געוואָרן, און מען האָט געבראַכט זיין קערפּער קיין פּאַריז און באַגראָבן מיט גרויס כבוד. גאַנץ פראַנקרייך איז געווען פאַרטרעטן ביי דער פייערלעכקייט און אַלע אייראָפּעישע מלכים האָבן ווידער אַ ציטער געטון אויף זייערע טראָנען

* *

*

„גאָט האָט באַשאַפן נאַפּאָלעאָנען און דערנאָך זיך אָפּגערוט: די וועלט האָט שוין נאַפּאָלעאָן אַליין געפירט דורך עטלעכע צענטליק יאָר" — אַזוי האָט געזאָגט איינער פון די דענקער אין יענער צייט, און ער האָט רעכט געהאַט. דורך אַ צייט פון 15 יאָר האָט איין מענטש באַשעפטיקט מיט זיין פּערזאָן די גאַנצע וועלט. איין מענטש האָט זיין אייזערנעם ווילן אויסגעדריקט אויף דעם קלענסטן און דעם גרעסטן, זיין פּערזאָן און זיין נשמה געמאַכט צו אַ צענטער פון גאַנץ אייראָפּע, און אַפילו פון אַנדערע וועלט-טיילן. דער באַרימטער פילאָזאָף ה ע ג ע ל האָט פאַרגלייכט די נשמה פון נאַפּאָלעאָן מיט דער וו ע ל ט-נ ש מ ה, און די גרעסטע דייטשע געלערנטע און דיכטער, ווי געטהע, היינע, האָבן אין אים געזען דעם גלאַנץ פון דער וועלט, דעם שפּיגל פון דער מענטשהייט, נאָר די ענגלענדער האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען זיין גרויסקייט, און זייער היסטאָריקער און פילאָזאָף ק אַ ר ל יי ל געפינט אין נאַפּאָלעאָנען נאָר שלעכטס און אומגערעכטיקייט.

און דאָך איז נאַפּאָלעאָן געווען אַ געניאַלער מענטש, אפשר דער געניאַלסטער הערשער פון אַלע צייטן, געניאַלער פון אַלעקסאַנדער דעם גרויסן און יוליוס צעזאַר. געבוירן אויף אַ קליינער אינזל ק אָ ר ס י ק אַ, אַ זון פון אַן איינפאַכן אַדוואָקאַט, ערצויגן אַלס אָרעמער סטודענט אין

אַ מיליטער-שולע, האָט נאַפּאָלעאָן פון זיין היים נישט קיין סך באַדינגונגען באַקומען צו ווערן דאָס, וואָס ער איז שפּעטער געוואָרן. אויך די טראַדיציע פון זיין משפּחה איז געווען גאָר אַן אַנדערע, דווקא נישט קיין פראַנצויזישע. זיינע אָבות האָבן פיל יאָרן געקעמפט מיט פראַנקרייך און געוואָלט די קליינע אינזל מאַכן אומאָפּהענגיק. אַ סך קרבנות זענען געפאַלן אין די מלחמות, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. „אין דעם יאָר, וואָס איך בין געקומען אויף דער וועלט (1769), איז מיין פאָטערלאַנד געשטאָרבן" – שרייבט נאַפּאָלעאָן אין זיינע זכרונות און ער האָט זיך זיין גאַנץ לעבן געשפּירט עפּעס אַן אַנדערער, ווי זיינע חברים. זיינע שונאים ערקלערן, אַז ער האָט ביז זיין טויט נישט געקאָנט רעדן אָן אַ פעלער פראַנצויזיש.

אין דער מיליטער-שולע האָט נאַפּאָלעאָן שטאַרק געליטן דחקות, זיין פאָטער האָט אים גאָרנישט געקאָנט צושיקן, און ער אַליין האָט נישט געקאָנט פאַרדינען. „וואָכן-לאַנג האָב איך געגעסן איין מאָל אין טאָג, און מיין פוס האָט קיינמאָל נישט באַטרעטן קיין קאַפע-הויז, און יעדן אָפּגעשפּאָרטן סו האָב איך פאַרווענדט אויף ביכער". נאַפּאָלעאָן איז געווען אַ זייער גוטער זון און אַ ברודער. קוים איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס אָפיציר – און דווקא מיט אַ גאָר קליינעם געהאַלט – באַלד האָט ער צו זיך גענומען אויף ערציונג אַ יונגערן ברודער. און די שוועסטער זיינע, פּוילינאַ – אויף זיינע קאָסטן געגעבן אין אַן ערציונגסאַנשטאַלט. אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען די יוגנט פון דעם קומענדיקן קייסער. אָבער באַלד איז אויסגעבראָכן די „גרויסע רעוואָלוציע" (דעם 5 מאַי 1789) און האָט פאַר פעיקע מענטשן געעפנט די מעגלעכקייט גרויס צו ווערן, אָדער איבערצוגעבן דעם קאָפּ דעם תּלין. אַלס הויפּטמאַן האָט נאַפּאָלעאָן זיך צוגעקוקט, ווי דער המון פון פאַריז האָט געשטורעמט דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, „עס האָט אים וויי געטון, אַז „דאָס ציווילע פאָלק" שלאָגט אוניפאָרמירטע סאָלדאַטן, ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ווען די אָפיצירן זאָלן געווען האָבן דעם מוט זיך צו שטעלן אין דער שפּיץ פון דעם מיליטער, וואָלט דער המון נישט געווען געשטורעמט די טוילעריען". די גאַנצע מרידה האָט נאַפּאָלעאָן אָנגעקוקט מיט די אויגן פון אַן אָפיציר... ער איז אָבער געבליבן ביים מיליטער. און איז מיט דעם מיליטער אַריבערגעגאַנגען צו דער רעוואָלוציע.

און אַזוי ווי ער האָט ביז איצט געטריי געדינט דעם קעניג, דינט ער איצט די נייע הערן. ער שטייט מיט זיין גאַרניזאָן ביי דער שטאָט טולאָן און באַקומט דעם באַפעל צו פאַרטיידיקן די שטאָט קעגן ענגלענדער און איטאַליענער. נאַפּאָלעאָן איז אַרטילעריסט. זיין פּלאַן — די גאַנצע אַרטילעריע אַריינצופירן אין קאַמף — ווערט אָנגענומען און ער נעמט איבער די קאָמאַנדע. באַלד איז די שטאָט עראָבערט. די ענגלישע שיפן צעשטערט, די קעגנער פון דער רעוואָלוציע פאַרניכטעט, אַ שרעקלעכע שחיטה אין די גאַסן פון טולאָן. די פירער פון דער רעוואָלוציע דערקענען דעם גרויסן טאַלאַנט פון דעם 24-יעריקן קאַפּיטאַן און מיט איין מאָל אַוואַנסירט נאַפּאָלעאָן אויף גענעראַל. פון אַזאַ אַוואַנס האָט מען ביז יענער צייט אין פראַנקרייך נישט געהערט. נאַפּאָלעאָן טרעט אַרויס און הייבט אָן צו שפּילן אין פּאָליטישן לעבן אַ ראָלע. די פירער פון דער רעוואָלוציע שיקן אים קיין איטאַליען, וווּ עסטרייך האָט געהאַלטן אַ סך מיליטער און געהאַט שטאַרקע פעסטונגען. דער 24-יעריקער בריגאַדע-גענעראַל באַקומט דאָס קאָמאַנדע איבער אַלטע, ערפאַרענע קאָמענדאַנטן, וואָס ווילן זיינע באַפעלן נישט אויספירן. נאַפּאָלעאָן פאַרשטייט אָבער מיט דעם ערשטן אויגנבליק זיך צו פאַרשאַפן אַזאַ רעספּעקט, אַז אַלעס ציטערט פאַר זיין בליק. „איך בין דער ווילן פון דעם פאָלק, איך בין דאָס גליק" — אַזוי זאָגט ער צו די זעלנער אין דעם אויגנבליק, ווען די געפאַר איז גרויס, און די פיינטלעכע קאַנאָנען שיסן פלאַם און פייער. און דער זעלנער גלויבט אין דעם גליק פון זיין פעלד-הער און גייט אין דעם פייער אויף דעם זיכערן טויט. אין דער שלאַכט ביי וואַלמי איז נאַפּאָלעאָן אַליין געגאַנגען אין דער שפּיץ פון זיינע גרענאַדירן איבער אַ בריק, וואָס אויף איר האָבן געדונערט די האָגלען פון די פיינטלעכע קאַנאָנען. רעכטס און לינקס זענען מענטשן געפאַלן ווי זאַנגען אונטער דער קאָסע פון דעם שניטער, אים האָט קיין קויל נישט געטראָפן!

פון איטאַליען, וווּ ער האָט איינמאָל נאָך דעם אַנדערן געזיגט און געשלאָגן די עסטרייכער און דייטשן, האָט נאַפּאָלעאָן באַשלאָסן צו גיין נאָך מצרים (עגיפּטן), דאָרט האָט ער געוואָלט טרעפן ענגלאַנד, וואָס האָט אים געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן שונא. נאַפּאָלעאָן האָט געוואָלט אַרויסרופן אַן אויפשטאַנד פון די אונטערדריקטע מחמדאַנער און זיין


זה השער לה' צדיקים יבואו בו

זאת תורת החטאת

ספר כולל כל דיני איסור והיתר הנהוגים להיות

מהר״ר משה ז״ל בן הקצין ר׳ איסרל זצ״ל

ועתה נדפס שנית ונוסף על הראשוני שנדפס

מתוך ספר הגיה הגאון מהר״ר משה איסרלים

ז״ל בכתב ידו קודם שנתבקש בישיבה של מעלה

פה קק קראקא

34. שערבלאַט פון דעם ספר זאת תורת החטאת פון דעם רמ״א,
געדרוקט אין קראָקע ביי ר׳ יצ.זק פראָסטיץ, 1577.




35. שערבלאַט פון דעם ספר תולדות נח, חלק שני, קראָקע, שצ״ד (1634), געדרוקט פון ר׳ נחום מייזליס, מיט דעם פּויליש מלוכה־אָדלער און דעם הערב פון דער שטאָט קראָקע.

בליק האָט געגרייכט ביז קיין אינדיען, ווי ענגלאַנד האָט געהאַט דעם גאַנצן רייכטום און פון וואַנען עס האָט געצויגן זיין גרויסן כּוח.

דער געדאַנק פון נאַפּאָלעאָנען איז געווען גוט, נאָר דער פּלאַן איז נישט געלונגען. ענגלאַנד האָט אָבער דערזען, וואָס פאַר אַ שונא זי האָט אין דעם יונגן גענעראַל באָנאַפּאַרטע און האָט מיט אים אָנגעהויבן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט...

דערווייל איז נאַפּאָלעאָן געגאַנגען אַלעמאָל העכער און העכער. ער שפּירט אין זיך דעם כּוח צו ווערן נישט נאָר די שטיצע פון דער רעוואָלוציע-מאַכט, נאָר אַליין אַ מאַכט. דאָס פאָלק באַוואונדערט זיין טאַלאַנט, דאָס מיליטער פאַרגעטערט אים און זיינע ברידער און שוועסטער דערציילן פון אים נסים ונפלאות, און נאַפּאָלעאָן וואַגט דעם וויכטיקן שריט. ער ערשיינט מיט זיינע גרענאַדירן אין סט. קלו, ווי עס האַלטן אָפּ די קאַמערן זייערע זיצונגען – פאַרטרייבט די דעפּוטאַטן און די דירעקטאָרן און פירט איין אַ נייע מלוכה פון דריי קאָנסולן – און דער ערשטער פון די דריי ווערט ער אַליין. די דאָזיקע מלוכה איבערקערעניש פון דעם 19 ברומעער (10.X 1799) איז געווען דער ערשטער שריט פון דער רעפּובליק צו אַ קייסער-טראָן, באַלד איז נאַפּאָלעאָן פּטור געוואָרן פון זיינע צוויי חברים און געוואָרן דער איינציקער קאָנסול אויף 10 יאָר. ער האָט אָבער נישט געוואַרט קיין 10 יאָר און האָט זיך געלאָזט קלויבן אַלס קאָנסול אויפן גאַנצן לעבן און טאַקע באַלד איינגעאָרדנט אַ פּלעביסציט און דאָס פאָלק פון פראַנקרייך האָט אים מיט 3.572.329 קעגן 2569 אויסגעקליבן אַלס קייסער פון די פראַנצויזן. דער פּויפּסט פּיוס VII איז אַליין געקומען קיין פּאַריז, כּדי נאַפּאָלעאָנען די קרוין אַרויפזעצן אויף דעם קאָפּ. אין דער קירכע נאָטר-דאַם איז דער זון פון דעם קאָרסיקאַנישן אַדוואָקאַט צוזאַמען מיט זיין פרוי געקרוינט געוואָרן אַלס קייסער „פון גאָטס גנאָד“, פון די מינצן און פאָנען איז פאַרשוווּנדן געוואָרן די אויפשריפט „רעפּובליק פראַנסעז“ און עס איז געקומען דער טיטל „אַמפּיר פראַנסעז“.

און מיט די נצחונות אין פראַנקרייך גופא זענען געגאַנגען נצחונות אין גאַנץ אייראָפּע. עסטרייך איז געוואָרן אָפּגעשניטן, פּרייסן צעשמעטערט, שפּאַניען און איטאַליען האָט נאַפּאָלעאָן אַוועקגעגעבן צו

זיינע ברידער. איין אַנדערער ברודער פון נאַפּאָלעאָנען איז געוואָרן קעניג פון וועסטפאַליען, אַלעקסאַנדער פון רוסלאַנד האָט זיך באַמיט צו געווינען נאַפּאָלעאָנס פריינטשאַפט, אין פוילן איז איינגעאָרדנט געוואָרן „דאָס הערצאָגטום וואַרשע" און באַלד האָט נאַפּאָלעאָן געפּלאַנט און אָנגעהויבן די גרויסע מלחמה מיט רוסלאַנד. אַן אַרמעע פון 600.000 זעלנער איז אויפגעשטעלט געוואָרן און אין דער שפּיץ פון דער דאָזיקער אַרמעע האָט מאַרשירט נאַפּאָלעאָן כּדי מנצח צו זיין דעם צאַר אַלעקסאַנדער... דאָ האָט אָבער „דעם קריגס-גאָט" פאַרלאָזט זיין גליק. און די גרויסע מפּלה אין מאָסקווע איז באַלד געוואָרן די מפּלה פון נאַפּאָלעאָנס מלוכה. נאָך האָט ער זיך אויפגעכאַפּט צו איין גרויסער טאַט און אויפגעשטעלט אַ נייע אַרמעע, אָבער ביי לייפּציג איז די אַרמעע געשלאָגן געוואָרן פון די עסטרייכער, פּרייסן און רוסן... און נאַפּאָלעאָנס שטערן איז פאַרלאָשן. די מלכים פון אייראָפּע האָבן אים אַוועקגעשיקט אויף דער אינזל עלבאַ און אויף דעם פראַנצויזישן טראָן אַנידערגעזעצט לודוויק XVIII – אַ ברודער פון דעם גילאָטינירטן לודוויק XVI. נאָך איינמאָל האָט געפּרוווט נאַפּאָלעאָן צו נעמען די מאַכט אין זיינע הענט. ער האָט פאַרלאָזט די אינזל און געקומען קיין פראַנקרייך. דאָס מיליטער איז באַלד צו אים אַריבערגעגאַנגען און לודוויק XVIII איז אַנטלאָפן פון פּאַריז. אָבער נאַפּאָלעאָנס צווייטע מלוכה האָט געדויערט קוים 100 טעג, פּרייסן און ענגלענדער האָבן געשלאָגן זיין אַרמעע ביי בעל-אַליאַנס. און ער אַליין, נישט וועלנדיק בלייבן אין לאַנד, איז אַרויף אויף אַן ענגלישע שיף און מען האָט אים גענומען אין געפאַנגנשאַפט. די ענגלענדער האָבן אים אַוועקגעפירט אויף דער וייטער אינזל „העלענאַ" און דאָרט איז ער – שטאַרק געהיט – נאָך 7 יאָר געשטאָרבן.

דעם 5 מאַי 1821 האָט דער גרויסער קייסער צוגעמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק.

## ב) נאַפּאָלעאָן און די ייִדן אין פראַנקרייך

דעם 17טן סעפּטעמבער 1394 האָט קאַרל VI, קעניג פון פראַנקרייך, אַרויסגעטריבן אַלע ייִדי פון זיין לאַנד און עטלעכע הונדערט

יאָר זענען אין פראַנקרייך קיין יידן נישט געווען. ביסלעכווייז האָבן אָבער פון פאַרשידענע זייטן אָנגעהויבן יידן צוריקצוקומען אין לאַנד, צי ערשט שפּאַנישע יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן פאַר דער אינקוויזיציע, אין קעגן ענדע פון XVII יאָרהונדערט – אויך דייטשע יידן אין עלזאַס.

די שפאַנישע יידן זענען אייגנטלעך געקומען קיין דרום-פראַנקרייך (באָרדאָ, ליאָן, מאַרסעל) נישט אַלס יידן נאָר אַלס געשמדטע (אנוסים). זיי זענען געווען גענצלעך אַסימילירט, און האָבן דעם המון אין די שטעט מיט זייער רייכטום און זייער שטאָלצקייט שטאַרק אימפּאָנירט. איינציקווייז און גאַנץ פאָרזיכטיק האָבן זיי פון זיך דאָס קריסטנטום אָפּגעוואָרפן, אָבער די פרעמדע קולטור איז ביי זיי געבליבן און די איינוווינער פון באָרדאָ, מאַרסעל און די איבריקע שטעט האָבן אין זיי ווייטער געזען שפּאַניער און נישט קיין יידן.

גאָר אַנדערש איז געווען די זאַך אין עלזאַס.

דאָס לאַנד האָט עטלעכע הונדערט יאָר געהערט צו דייטשלאַנד און אין דער דאָזיקער צייט האָבן זיך דאָ באַזעצט פיל יידישע משפחות פון פראַנקפורט, ווין א. אַז. וו. און אָנגעהויבן צו פירן אַ גרויסן האַנדל. די פראַנצויזישע בירגער האָבן נישט געוואָלט דאָס צולאָזן און דערפון איז געקומען צו געשרייען און פּראָטעסטן, פּאָגראָמען און פּראָצעסן. קעגן ענדע פון XVII יאָרהונדערט איז דאָס לאַנד עלזאַס מיט דער שטאָט שטראַסבורג צוריק עראָבערט געוואָרן פון די פראַנצויזן און אַזוי-אַרום זענען די דאָרטיקע יידן געוואָרן פראַנצויזישע בירגער. באַלד האָבן אָבער די שטראַסבורגער באַלעבאַטים אָנגעהויבן זייערע יידן צו פאַרפאָלגן און אַלע מיטלען אָנצווענדן, כדי זיי פון דער שטאָט אַרויס-צופטרן. הונדערט יאָר האָט געדויערט דער שטרייט און אין דער צייט האָבן זיך די שטראַסבורגער יידן ביסלעכווייז אַריינגעצויגן קיין פּאַריז, ווּהין עס זענען אויך געקומען עטלעכע צענטליק פאַמיליעס פון די רייכע שפאַנישע יידן פון באָרדאָ. אָפיציעל האָבן אָבער קיין יידן אין פּאַריז נישט געטאָרט וווינען, אָבער מיט געלט האָט מען זיך געקאָנט אַן עצה געבן, און די רעגירונג האָט געקוקט אויף זיי דורך די פינגער.

פלוצלינג איז אויסגעבראָכן די גרויסע רעוואָלוציע. דעם 5טן מאַי 1789 האָט דער קעניג איינבאַרופן די „גענעראַלשטאַטן",

אין וועלכע עס זענען געזעסן דעפּוטאַטן פון דעם אַדל (פּריצים, פון די גלחים און פון די שטאָטלייט. באַלד האָבן אָבער די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פאַרלאַנגט, אַז אַלע דעפּוטאַטן פון אַלע דריי שטאַנדן זאָלן צוזאַמען זיצן און בילדן אַ פאַרזאַמלונג. די „רעכטע“ דעפּוטאַטן האָבן נישט געוואָלט דערויף איינשטימען, דערפאַר האָבן זיך די „לינקע“ ערקלערט פאַר אַ „נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג“ און האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן געזעצן פאַר דעם גאַנצן לאַנד. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון דער רעוואָלוציע. באַלד האָט די נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג אָנגעהויבן אָפּשאַפן די פּריווילעגיעס פון די פּריצים און גלחים, צו קאָנפיסקירן די גיטער פון די קירכן און קלויסטערס און אין דער נאַכט פון 25-טן אויפן 26-טן אויגוסט 1789 האָט מען באַשלאָסן דאָס געזעץ „פון דעם רעכט פון אַמענטש“ און דערמיט אָפּגעשאַפט אַלע פּריווילעגיעס און באַזונדערע רעכט פון די רייכע און אַדעליקע קלאַסן.

און יידן? — די יידן האָבן געמיינט — און דאָס האָט אויך געמיינט דער דעמאָקראַטישער טייל פון די דעפּוטאַטן — אַז ווען מען גיט די רעכט אַלע מענטשן, גיט מען זיי שוין ממילא אויך די יידן! אַזוי האָט אָבער נישט פאַרשטאַנען דעם ענין דער גרעסטער טייל פון די דעפּוטאַטן און מיט זיי דאָס פאָלק פון פראַנקרייך: „די רעכט האָט מען געגעבן פאַר מענטשן, אָבער נישט פאַר יידן“ — אַזוי האָט מען ערקלערט די זאַך. און דערווייל האָט דער המון אין שטראַסבורג — אויסנוצנדיק זיין פרייהייט — געפּלינדערט יידישע הייזער, פאַרבערנט יידישע באַנקן, כּדי צו פאַרניכטן די וועקסלען, און אַזוי כּסדר.

די נאַכריכט פון די פּאָגראָמען איז געקומען נאָך פּאַריז און די דעמאָקראַטן האָבן געצוווּנגען די רעגירונג אָנצונעמען מיטלען, כּדי די יידן צו שיצן, און גלייכצייטיק האָט מען אָנגעהויבן אין דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג די יידן-פראַגע צו באַהאַנדלען. ביי דער דעבאַטע איבער די רעכט פון אַ בירגער (22.VIII) האָט מיראַבאָ — איינער פון די בעסטע קעפּ און טאַלאַנטפולסטע רעדנער, — געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע פאַר יידן און דורכגעפירט אַ געזעץ, „אַז מען טאָר קיינעם נישט פאַרפאָלגן פאַר זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען“. דער באַשלוס איז אָבער געבליבן בלויז אין דער טעאָריע, און כּדי אים דורכצופירן אין דער פּראַקטיק

האָבן די שפּאַנישע און די עלזאַסער יידן אַריינגעשיקט פּעטיציעס און דעם 14טן אָקטאָבער 1789 איז ערשינען אין דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אַ דעפּוטאַציע פון די שטראַסבורגער יידן און זייער פאָרשטייער האָט געהאַלטן צו די דעפּוטאַטן אַ פייערדיקע רעדע. דער פּרעזידענט פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט אים שיין געענטפערט, אָבער דערמיט האָט זיך טאַקע די זאַך געענדיקט און די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט די יידן קיין גלייכבאַרעכטיקונג נישט געוואָלט געבן; די ליבעראַלן האָבן גאָר מורא געהאַט, אַז דאָס פאָלק זאָל די יידן נישט אויסהרגענען, אין פאַל, ווען מען וועט זיי גלייכשטעלן מיט אַנדערע בירגער. אַזאַ שנאה האָט קעגן זיי געהערשט אין פראַנקרייך. די שנאה און די פּאָגראָמען זענען אָבער געווען נאָר אין עלזאַס, צו די באָרדאָער און אַנדערע דרום־יידן האָט זיך דער בעסערער טייל פון פאָלק גוט באַצויגן, מען האָט זיי — די אַסימילירטע שפּאַניער — געהאַלטן פאַר פראַנצויזן, און דאָס האָבן זיי פאַרשטאַנען אויסצונוצן.

דעם 31טן דעצעמבער 1789 האָבן די דאָזיקע „יידן פון באָרדאָ" דערלאַנגט אַ ביטע און אין איר ערקלערט, אַז זיי האָבן שוין פון לאַנג „בירגער־רעכט", זיי זענען פראַנצויזן און שטאַמען פון שפּאַניען און פּאָרטוגאַל און האָבן גאָרנישט קיין געמיינזאַמס מיט „די דייטשע יידן אין עלזאַס, וואָס לעבן לויט אַן אייגענעם געזעץ און זענען אַ פרעמדער קערפּער אין דעם פראַנצויזישן פאָלק".

די מסירה האָט געהאָלפן און די נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג האָט „די שפּאַנישע, פּאָרטוגעזישע און אַנדערע דרום־ און מערב־יידן" געגעבן די גלייכבאַרעכטיקונג.

אַ פּאָגראָמל אין באָרדאָ איז געווען די תשובה פון דעם המון אויף דעם באַשלוס פון דער נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג, אָבער די עלזאַסער יידן, וואָס מען האָט זיי אַזוי פאַרשעמט, האָבן דערפון קיין סאַטיס־פאַקציע נישט געהאַט, זיי האָבן אָבער נישט פאַרלוירן דעם מוט און געזוכט מיטלען ווי אַזוי די רעכט צו באַקומען.

אין פּאַריז האָבן געלעבט אָנגעזעענע און געבילדעטע יידן, וואָס האָבן זיך מיט זייער גאַנצן כּוח איבערגעגעבן דער רעוואָלוציע, אַסך פון זיי זענען אַריינגעטרעטן אין דער נאַציאָנאַל־גוואַרדיע, אַנדערע האָבן זיך באַטייליקט אין דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, נאָך אַנדערע האָבן

געאָפּפּערט פאַר דער רעוואָלוציע זייער גאַנץ פאַרמעגן, דאָס האָבן געזען די בירגער פון פּאַריז און דער מאַגיסטראַט האָט פאַרלאַנגט פון די באַצירקס-ראַטן, זיי זאָלן אַרויסזאָגן זייער מיינונג איבער די יידן. די מיינונגען זענען געווען די בעסטע און אויף דעם גרונט האָט דער שטאָט-פּרעזידענט געשיקט אַ ביטע צו דער נאַציאָנאַל-פאַרזאַמלונג, צו געבן די יידן די אַלגעמיינע רעכט. אָבער אויך דאָס מיטל האָט נישט געהאָלפן און ערשט נאָך נייע ביטעס און באַראַטונגען, רדיפות און פּאָגראָמען האָט דעם 27טן סעפּטעמבער 1791 די פאַרזאַמלונג ערקלערט, אַז די „רעכט פון מענטשן" באַציען זיך אויך אויף יידן.

*

*

אַזוי האָט אויסגעזען די יידן-פראַגע אין דער צייט, ווען נאַפּאָלעאָן איז, נאָך דער עראָבערונג פון טולאָן, אַרויסגעטרעטן אויף דער פּאָליטישער אַרענע. ער, דער קריגס-גאָט, האָט פון דער נאָענט קיין יידן נישט געקאָנט: אין זיין היימאַט (קאָרסיקאַ) האָט ער זיי נישט געזען, ביים מיליטער האָבן זיי זיך נישט שטאַרק אַרויסגעוויזן, הגם עטלעכע הונדערט פון זיי האָבן אין מיליטער געדינט, אייניקע אַפילו אַלס הויכע אָפיצירן (גענעראַל מאַסענאַ זאָל זיין אַ זון פון אַ יידישן ווייַן-הענדלער אין ניצאַ און ער האָט געהייסן מנשה), נאָר געהערט האָט נאַפּאָלעאָן פון די אָנקלאַגן אויף יידן, פון די פּאָגראָמען און אויך פון דעם שווערן קאַמף, וואָס זיי האָבן געהאַט, ביז זיי האָבן באַקומען די גלייכבאַרעכטיקונג. דאָס אַלץ איז אים אָבער נישט אָנגעגאַנגען און דאָס ערשטע מאָל האָט ער געהאַט מיט יידן צו טון ערשט אין יאָר 1802, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו רעגולירן דאָס פאַרהעלטניש פון דער מלוכה צו די פאַרשידענע רעליגיעס.

דעם רעפּעראַט איבער דער יידישער „רעליגיע" האָט באַקומען דער מיניסטער פּאָרטאַליס און שרייבנדיק זיין רעפּעראַט האָט ער באַמערקט, אַז יידן זענען עפּעס מער ווי אַ רעליגיע, און דאָס האָט ער ביי דער זיצונג ערקלערט מיט דער באַמערקונג, אַז עס איז שווער צו פאַרלאַנגען, אַז אַ פאָלק, וואָס האָט אַזוי לאַנג געקאָנט אָפּהיטן זיין אינדיווידואַליטעט, זאָל זיך קאָנען צו אַן אַנדער פאָלק צופּאַסן.

נאַפּאָלעאָן איז געווען זייער אויפגערעגט; קיין פאַרשטענדניש פאַר נאַציאָנאַלער מינדערהייט האָט מען דעמאָלט בכלל נישט געהאַט. ער האָט זיך אַלזאָ פאָרגענומען די יידן-פראַגע „גרינטלעך“ אויפצוקלערן.

אויף זיין פעלד-צוג איז ער אונטערוועגנס געווען אין שטראַסבורג, און דאָ האָט ער זיך אָנגעהערט גענוג מסירות אויף יידן; די קלאַגן פון די עלזאַסער סוחרים האָבן געטראָפן צו נאַפּאָלעאָנס איבערצייגונג, און קוים איז ער, נאָך די נצחונות, געקומען קיין פּאַריז, האָט ער באַלד באַפוילן די מיניסטאָרן, זיך מיט דער יידן-פראַגע צו באַשעפטיקן. דער קייסער האָט געהאַט אויף יידן אַ בייז האַרץ, ער האָט זיי פשוט געוואָלט אַרויסטרייבן פון פראַנקרייך, אָדער ווייניקסטנס בײַ זיי אַוועקנעמען די פּאָליטישע רעכט, נאָר די מיניסטאָרן האָבן אים אָפּגעראָטן פון דעם פּלאַן. און נאָך לאַנגע דעבאַטן האָט זיך דער קייסער אַנטשלאָסן (30 מאַי 1806) פאָלגנדע צוויי באַפעלן אַרויסצוגעבן: 1) די חובות, וואָס די פּויערן זענען שולדיק די „דייטשע יידן“, טאָרן אין משך פון אַ גאַנץ יאָר נישט געפאָדערט ווערן, 2) עס זאָל איינגעלאַדן ווערן אַ פאַרזאַמלונג פון 100 געבילדעטע און איינפלוסרייכע יידן, וואָס זאָל זיך מיט די טעאָרעטישע פראַגעס וועגן דעם יידנטום באַשעפטיקן.

* *

*

דער ערשטער טייל פון דעם קייזערלעכן באַפעל איז געווען אַ האַרטער שלאַג פאַר די עלזאַסער יידן, הגם די באַאַמטע האָבן נאָך דאָס יאָר די חובות אויף ווייטערע 10 יאָר אָפּגעלייגט. עס איז געווען אַ מיטלאַלטערלעכער דעקרעט אין אַ נייער צייט, און דערפאַר האָבן אים די יידן נאָך מער געשפּירט. דער צווייטער טייל — די פאַרזאַמלונג פון די נאָטאַבלען — איז געווען אַ נייעס, וואָס איז נאָך ביז איצט נישט געווען.

דעם 26טן יולי 1806 איז געווען די ערעפנונג פון דער „נאָטאַבלען-פאַרזאַמלונג“. 112 דעלעגאַטן פון פראַנקרייך און איטאַליען זענען זיך צוזאַמענגעקומען און האָבן אויסגעקליבן אַלס זייער

פאָרזיצנדן אברהם פורטאַדאָ — אַ ייד פון באָרדאָ, איינעם פון די, וואָס האָבן אין דעם קאַמף פאַר די רעכט געמסרט די שטראַסבורגער יידן. פורטאַדאָ איז געווען מער פראַנצויז ווי ייד און אין דעם זין האָט ער געהאַלטן די ערשטע און די ווייטערע רעדעס. אין נאָמען פון דער רעגירונג האָט גענומען דאָס וואָרט דער סעקרעטאַר מאָלע און האָט בפירוש ערקלערט, אַז דער קייזער פאַרלאַנגט פון די יידן, זיי זאָלן פאַרגעסן אָן זייערע אייגנשאַפטן און ווערן פראַנצויזן. נאָכדעם האָט ער פאָרגעלעזן 12 פראַגעס און פאַרלאַנגט אויף זיי אַ תּשובה. דער קייזער האָט געפרעגט, צי מעגן יידן האָבן צוויי ווייבער? ווי אַזוי פאַרהאַלט זיך דאָס יידישע געזעץ צו די קריסטלעכע פראַנצויזן? איז פראַנקרייך זייער פאָטערלאַנד? צי ציט זיי נאָך קיין ארץ-ישראל? ווי אַזוי פאַרהאַלט זיך דאָס יידישע געזעץ צו געמישטע חתונות? א. אַז. וו.

די נאָטאַבלען האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער קייסער פאַרלאַנגט פון זיי, זיי זאָלן אויף אַלע פראַגעס מסכּים זיין, און האָבן נישט קיין מוט געהאַט אים צו ווידערשפּרעכן. דער שרעקלעכער באַפעל וועגן די יידישע חובות אין עלזאַס איז זיי גוט געלעגן אין טעם און זיי האָבן צו אַלע ענינים זייער הסכּמה געגעבן. נאַפּאָלעאָן איז געווען דערמיט צופרידן, ער האָט אָבער געוואָלט אויף די פראַגעס האָבן אַ הסכּמה פון רבנים, און האָט דעריבער צוזאַמענגערופן אַ סנהדרין פון די וויכטיקסטע רבנים אין פראַנקרייך און איטאַליען.

דאָס סנהדרין האָט נישט געקאָנט אַנדערש באַשליסן, ווי עס האָבן געטון די „נאָטאַבלען", הגם די זיצונגען זענען געווען עפנטלעך און דאָס רוב רבנים האָבן נישט געקאָנט רעדן פראַנצויזיש. און דאָס סנהדרין האָט מסכּים געווען אויף אַלע קשיות און נאַפּאָלעאָן האָט אַהיימגעשיקט די נאָטאַבלען און די רבנים און האָט מיט זיינע מיניסטאָרן די זאַך נאָכאַמאָל איבערגערעדט. דעם 17טן מערץ 1808 האָט ער אַרויסגעגעבן צוויי דעקרעטן, וואָס האָבן געזאָלט אָרדנונג ברענגען אין דער יידן-פראַגע, מיט דעם ערשטן דעקרעט האָט ער איינגעפירט אַ מין קאָנסיסטאָריום, ד. ה. אַ רעליגיעזן ראָט פון אַלע געמיינדעס, מיט דעם צווייטן האָט ער „רעגולירט" די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע לאַגע פון די יידן אין עלזאַס. דער דעקרעט אַנטהאַלט אָט די דאָזיקע פונקטן: א) אַלע יידישע חובות ביי אָפיצירן, פרויען און מינדעריעריקע,

אַלע וועקסלען, ביי וועלכע מען האָט נישט אויסגעצאָלט דאָס גאַנצע קאַפּיטאַל, אָדער זיי זענען געמאַכט געוואָרן אויף העכער 10%, זענען אומגילטיק; ב) נאָר די יידן מעגן האַנדלען, וואָס האָבן אַ פּאַטענט אויף דעם; ג) אין די געגנטן ביים ריין טאָרן קיין יידן זיך נישט באַזעצן; ד) דער ייד מוז אַליין דינען אין מיליטער און טאָר נישט — ווי אַלע אַנדערע בירגער — זיך דינגען קיין פאַרטרעטער (סופּלענט).

די אַלע באַשרענקונגען ווערן אַרויסגעגעבן אויף 10 יאָר און דער קייזער האָפט, אַז אין די 10 יאָר וועלן זיך די עלזאַסער יידן בעסערן; ביז צו דער צייט בלייבן זיי בירגער פון דער צווייטער מדרגה.

אַזוי איז געווען נאַפּאָלעאָנס באַציונג צו די פראַנצויזישע יידן אין דער צייט, ווען ער האָט איינגעריכטעט דאָס הערצאָגטום וואַרשע.

## ג) נאַפּאָלעאָן און די יידן אין פוילן

נאַפּאָלעאָן האָט שוין געהערשט איבער האַלב אייראָפּע, באַלד איז ער געשטאַנען ביי דער גרענעץ פון פוילן. זיין קומען אין לאַנד אַריין איז נישט געווען אומערוואַרט, שוין זייט אַ סך יאָרן האָט מען אין די פוילישע שטעט און שטעטלעך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָרשט דעם מאַרש פון די פראַנצויזישע זעלנער.

פוילן איז אין יענער צייט געווען פאַרטיילט אין דריי חלקים. צווישן דריי גרויסע מלוכות: רוסלאַנד, עסטרייך און פּרייסן. יעדע פון די מלוכות האָט געוואָלט אירע יידן אויספאָרמען נאָך איר פאַסאָן און צופּאַסן צו איר סיסטעם. עסטרייך, וואָס ס'האָט דעמאָלט געהאַט, אַחוץ גאַליציען — די קרייזן צויזמיר, ראַדאָם, לובלין און שעדלעץ, האָט געהאַט בדעה די דאָרטיקע יידן צו גערמאַניזירן. צו דעם צוועק האָט מען געגרינדעט מלוכה-שולן און אַראָפּגעשיקט פון דייטשלאַנד לערערס — משכילים און איבער זיי געמאַכט פאַר אַן אינספּעקטאָר דעם באַוווּסטן תּלמיד פון משה דעסוי (מענדעלזאָהן) און דעם מחבר פון דעם „הכורם" הערץ האָמבערג [1], אַחוץ דעם האָט די עסטרייכישע מלוכה געטראַכט די צאָל פון די יידן צו פאַרקלענערן און צו דעם צוועק

1) זע אויבן זייטל 227.

האָט זי איינגעפּירט שווערע שטייערן, ווי צום ביישפּיל: פון כשר פליייש, פון בענטש-ליכט פּרייטיק-צו-נאַכטס, נישט דערלאָזט, אַז יידישע קינדער זאָלן קאָנען חתונה האָבן, באַשרענקט די צאָל פון די יידישע איינוווינער אין די גרויסע שטעט און אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן די יידן פון די דערפער, און דאָס, וואָס איז געווען דאָס ערגסטע אין יענער צייט: גענומען יידן צום מיליטער.

דאָס זעלבע, וואָס עסטרייך, האָט געטון פּרייסן, צו וועלכן ס'האָט אין יענער צייט געהערט וואַרשע, און רוסלאַנד האָט זיך נישט געלאָזט פאַרשעמען ביי זיינע צוויי קאָלעגן און אָנגעהויבן איינצופירן די „טשערטאַ אָסיעדלאָסטי" און אַחוץ דעם אַוועקגעטריבן די יידן פון דער גרענעץ. און די יידן האָבן נישט געהאַט קיין ברירה און האָבן מיט זיך געלאָזט טון, וואָס מ'האָט געוואָלט, זיי האָבן געצאָלט וויפל מ'האָט געהייסן און אַפילו נאָכמער, נאָר כּדי פון זיך אָראָפּצוּוואַרפן די גזרה. נאָך מער ווי די עקאָנאָמישע באַשרענקונגען האָבן זיי געשפּירט די גייסטיקע. אַממיינסטן איז זיי געווען פאַרהאַסט דאָס מיליטער און די שולן.

אין יענער צייט האָט זיך אין פּוילן פאַרשטאַרקט דער חסידיזם. די ערשטע „גוטע-יידן"—די באַגרינדערס פון פאַרשידענע צדיקישע דינאַסטיעס— האָבן זיך דעמאָלט באַזעצט אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך: דער „קדושת לוי" אין בערדיטשעוו, און נענטער צו אונז דער „נועם אלימלך" אין לעזשאַינסק (ליזשענסק) אין מערב-גאַליציען, און זיינע תּלמידים, דער „חוזה" פון לובלין (ר' יעקב-יצחק הורוויץ) און דער קאָזשעניצער מגיד, ר' ישראל. אַרום זיי, ווי אַרום אַ זון, האָבן זיך באַזעצט קלענערע און נאָך קלענערע רביים און צו אַיעדן זענען געפאָרן זיינע חסידים און האָבן אין דער וועלט אַרויסגעטראָגן זייער רבינס שבח. אין די אַלטע יידישע קהלות האָט מען נישט געוואָלט דעם חסידיזם אָנערקענען, די רבנים אבד"ים זענען געווען די מתנגדים און מיט זיי האָבן געהאַלטן די שענסטע בעלי-בתּים, אָבער די צאָל פון די חסידים האָט זיך פאַרגרעסערט און דאָס גייסטיקע לעבן האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון די בתּי-מדרשים אין די „הויפן" פון די צדיקים.

און דאָ אין די הויפן האָט מען גערעדט, אַז ווייט-ווייט אין פראַנקרייך איז אויסגעבראַכן אַ „רעוואָלוציע", אַז די קליינע זענען געוואָרן

גרויס און די גרויסע קליין — משיחס צייטן. און באַלד איז ווידער געקומען די ידיעה, אַז ס׳איז אויפגעשטאַנען איין מענטש, אַ שטאַרקער, סנחריב מיט דעם נאָמען נאַפּאָלעאָן, אַז ער האָט פאַרזאַמלט אַרום זיך מענטשן אָן אַ צאָל און מאַרשירט מיט זיי אַלץ נענטער, נענטער. ער און זיינע זעלנער האָבן נישט קיין מורא, נישט פאַר די האַרמאַטן פון דעם קייזער אין ווין און נישט פאַר די גרענאַדירן פון דעם קעניג פון פרייסן. קיין קויל קאָן נישט טרעפן דעם קערפּער פון סנחריבן און ער אַליין טוט מיט די מלכי-ארץ, וואָס ער וויל. באַלד איז אויך געקומען די ידיעה, אַז ער, סנחריב הצפוני, האָט געוואָרפן זיין אויג אויף יידן, ער האָט צוזאַמענגערופן אַן אסיפה פון די באַלעבאַטים און אויך מחדש געווען אַ זאַך, וואָס זי איז נישט געווען דורך טויזנטער יאָרן — געמאַכט אַ סנהדרין גדולה, גלייך ווי עס איז אַמאָל געווען אויף דעם לשכת הגזית אויף דעם הר-המוריה אין ירושלים...

און די חסידים האָבן געהערט די ווונדערלעכע זאַכן און באַלד האָט מען זיך באַטראַכט, צי ס׳וואָלט נישט כדאַי געווען מתפלל צו זיין פאַר דעם נצחון פון דעם גרויסן מלך? און באמת האָבן אַ סך צדיקים און דרשנים געדרשנט וועגן נאַפּאָלעאָנען. ר׳ נחמן פון האָראָדענקאָ האָט וועגן אים דערציילט די מעשה פון אַ „בן מלך״ און ר׳ שלמה פון קאַרלין האָט געפירט אַ מלחמה מיט דעם „שר של יון״, כדי צו העלפן דעם קייזער פון פראַנקרייך. און פלוצלינג איז צוגעקומען אַ קאָזאַק צום פענצטער פון דעם בית-המדרש און האָט אַריינגעשאָסן און פונקט געטראָפן דעם רבין. די חסידים האָבן געזאָגט, אַז דער „שר של יון״ האָט דערהרגעט זיין מתנגד. דער טויט פון דעם רבין האָט אָבער נישט אָפּגעשראָקן אַנדערע פון מתפלל צו זיין פאַר דעם נצחון פון נאַפּאָלעאָן. צו די דאָזיקע האָט געהערט ר׳ מענדעלי פון רימאַנאָוו. זיין חבר, דער רבי ר׳ נפתלי פון ראָפּטשיץ (גאַליציען) איז אָבער געווען נאַפּאָלעאָנס מתנגד און דערפאַר איז געקומען צווישן די צוויי רביים צו אַ סכסוך. ר׳ מענדעלי האָט פאַרשטאַנען, אַז פון נאַפּאָלעאָנס נצחון איז אָפּהענגיק דאָס גליק פון דעם יידישן פאָלק, אָבער ר׳ נפתלי האָט נישט געוואָלט אויף דעם מסכים זיין, וואָרים ער האָט געזען, אַז נאַפּאָלעאָן איז נישט בעסער פון די אַנדערע מלכים און וויל אויך יידישע קינדער אַרויסנעמען פון די

חדרים און ישיבות און זיי אַריינזעצן אין די „שקאָלעס“, און יידישע יונגעלייט נעמט ער גלייך ווי אַנדערע צום מיליטער און צווינגט זיי מחלל שבת צו זיין און וויל צעשטערן די וואַנט, וואָס גרענעצט-אָפּ דאָס יידישע פאָלק פון די אומות העולם. ר׳ מענדעלי האָט זיך אָבער נישט געקאָנט באַרויקן און איז געפאָרן נאָך לובלין צום „חוזה“. ר׳ יעקב יצחק האָט אים אָבער קיין תשובה נישט געגעבן און ר׳ מענדעלי איז אַוועק קיין קאָזשיעניץ צום מגיד. געטראָפן האָט ער ר׳ ישראלן אין בעט — מיד און שוואַך, אָבער קוים האָט ר׳ מענדעלי דערציילט זיין ענין, איז דער מגיד אויפגעשפרונגען פון זיין פלאַץ און האָט מיט גרויס התלהבות געטון אַ געשריי: מ׳זאָגט, אַז ער, נאַפּאָלעאָן, האָט אַ שר בשמים, מיר אָבער זאָגן „ואתה מרום לעולם ה׳!“ — גאָט איז גרעסער פון אַלע שרים אין הימל. ער, נאַפּאָלעאָן, האָט גענומען יידישע בחורים צום מיליטער, כדי זיי זאָלן מוזן דאָרט זינדיקן...

„יתפרדו כל פועלי אָון!“ — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

אין בעת מען האָט אים אין די שטיבלעך געבענטשט און געשאָלטן, איז נאַפּאָלעאָן אַלע מאָל נענטער געקומען צו פוילן. שוין נאָך סוכּות אין יאָר 1806 איז זיין מיליטער אונטער דער קאָמאַנדע פון זיין שוואָגער מיראַט געווען אין וואַרשע און ער, נאַפּאָלעאָן, אַליין האָט אַריינמאַרשירט קיין פויזן. אין אַ קליין שטעטל שוועדזענץ איז זיך צוזאַמענגעקומען די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, כּדי מיט אייגענע אויגן אָנצוקוקן דעם גרויסן קייזער. נאַפּאָלעאָן האָט דאָס ערשטע מאָל געזען פוילישע יידן אין די לאַנגע שוואַרצע קאַפּאָטעס און די קאָלפּאַקעס מיט באָרד און פאות. ער האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און האָט זיי אָנגעקוקט ווי עפּעס אַ נישט-גוטס. די יידן האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס דער קייזער קוקט זיי אַזוי אומעטיק אָן און דער פּרנס פון דער קהלה איז צוגעקומען צום קייזער און אַראָפּנעמענדיק דעם קאָלפּאַק — צו אים אַזוי געזאָגט: אדוני מלך! האָבן זי פאַר אונז קיין מורא, מיר ווילן אייך גאָר קיין שלעכטס נישט טון, מיר זענען נאָר שוועדזענצער יידעלעך!“...

— — — — — — — — — — — — — — —

אין דעצעמבער 1806 איז נאַפּאָלעאָן אַריינגעקומען קיין וואַרשע, ווי

דאָס פֿאָלק האָט אים מיט אַ גרויסן ענטוזיאַזם באַגריסט. בײַ זײַן צווייטן באַזוך אין וואַרשע האָט ער אויפגענומען אַ דעפּוטאַציע פֿון דער יידישער גמינע און זי האָט אים דערלאַנגט אַ געדיכט „שירי הוד" (העברעיש און פראַנצויזיש), וואָס עס הייבט זיך אָן מיט די דאָזיקע ווערטער: „אֵת כרוב מִמְשח נאַפּאָלעאָן גבוה מעל גבוהים" און איז געדרוקט געוואָרן (שנת התקס"ז) און פאַרטיילט צווישן די באַלעבאַטים.

באַלד האָט נאַפּאָלעאָן אָנגעהויבן אַ נײַע מלחמה און שוין אין מאָנאַט יולי 1807 האָט ער פֿון אַ טייל פוילן מיט דער שטאָט וואַרשע געשאַפֿן דאָס הערצאָגטום וואַרשע. אין דעם נײַעם הערצאָגטום האָט געזאָלט רעגירן דער קעניג פֿון זאַקסן מיט אַ סיים, וואָס אַלע בירגער האָבן געהאַט דאָס וואַל-רעכט צו אים. די יידן — און דאָס רוב פֿון זיי זענען געווען חסידים און סתם אָרטאָדאָקסן — האָבן פשוט מורא געהאַט פֿאַר די וואַלן און דעם סיים בכלל, און די פּריצים און מיעש-טשאַנעס האָבן גאָרנישט געקאָנט שלום ווערן מיטן געדאַנק, אַז יידן, — די זשידעס — וואָס האָבן ביז נישט לאַנג נישט געטאָרט וווינען אין וואַרשע, וועלן איצט האָבן אַ דעה אין דער פוילישער מלוכה! און אָט די בײדע צדדים האָבן אָנגעהויבן זיך צו באַמיען די „גלײכ-באַרעכטיקונג" מבטל צו מאַכן. די מיניסטאָרן האָבן פאָרגעלייגט דעם ענין דעם קעניג, ער האָט אָבער מורא געהאַט צו ענדערן דעם ווילן פֿון קייזער און באַפוילן זײַן מיניסטער זענפט אָנצופרעגן אין פאַריז. זענפט האָט זיך פאַרשטענדיקט מיטן פראַנצויזישן מיניסטער שאַמפּאַני און ער האָט אָנגעוויזן אויף נאַפּאָלעאָנס געזעצן וועגן די יידן אין עלזאַס. עס האָט נאָך געדויערט אַ האַלב יאָר, ביז ענדלעך נאַפּאָלעאָן אַליין האָט מסכים געווען צו דער ענדערונג און דער הערצאָג פֿון וואַרשע האָט דעם 17 אָקטאָבער 1808 אָפּגענומען בײַ די יידן די פּאָליטישע רעכט אויף 10 יאָר, „ביז זיי וועלן זיך אײַנגאַנצן צופּאַסן אין זייערע זיטן, קליידער און שפּראַך צו דער אָרטיקער באַפעלקערונג".

די פּריצים האָבן געהאַט אַ פֿרייד, דער סיים איז געווײַלט גע-וואָרן אָן יידן און באַלד האָט מען אין אים אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן געזעצן קעגן זיי. פאַרשטאַנען האָט דאָס גוט דאָס ביסל אינטעליגענטע יידן אין וואַרשע און האָט געשיקט אין סיים און צום קעניג איין פּראָטעסט נאָך דעם אַנדערן, אַבער די דעפּוטאַטן און דער קעניג

האָבן זיך דערפון גאָרנישט געמאַכט און באַלד האָט מען באַשלאָסן צו פּסלען אַ סך וואַרשעווער גאַסן, ד. ה., אַרויסטרייבן פון זיי יידן. די אַנטיסעמיטישע בירגער פון דער הויפּטשטאָט האָבן נישט געקאָנט פאַרגעסן אין דער צייט, ווען יידן האָבן בכלל נישט געטאָרט וווינען אין וואַרשע, און האָבן איצט געוואָלט פּטרן זייערע קאָנקורענטן. די זאַך איז דורך דער מלחמה מיט עסטרייך פאַרהאַלטן געוואָרן, נאָר באַלד נאָך דעם שלום האָט מען זיך דערצו גענומען און אַרויסגעוואָרפן די יידן פון דער אַלט-שטאָט און ניי-שטאָט און זיי אַריינגעשטופּט אין דעם אַלטן פּאָטשעיאָוו (היינט טעאַטער-פּלאַץ) און אין דעם נייעם פּאָטשעיאָוו אין דער קרולעווסקאַ (עק מאַרשאַלקאָווסקאַ ביז הערזעס הויז).

דאָס אַוועקנעמען ביי די יידן די פּאָליטישע רעכט האָט געהאַט אויך די פאָלגע, וואָס מען האָט זיי פאַרבאָטן צו קויפן און פאַכטן גיטער און פעלדער, און באַלד האָט מען ביי זיי אויך אַוועקגענומען דאָס רעכט צו פירן אַ שענק און צו האַנדלען מיט בראָנפן און ווייַן (אום 30 אָקטאָבער 1812). אָט די דאָזיקע גזירה האָבן די יידן שווער געשפּירט, הגם אַ סך יידן האָט געדראָט צו פאַרלירן די גאַנצע פּרנסה, און מיר טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז שטייערן האָבן זיי געמוזט צאָלן מער פון אַלע בירגער, הגם מען האָט איבערגעלאָזט אַ סך אַלטע פּרייסישע און עסטרייכישע שטייערן און צוגעגעבן נאָך נייע.

די חסידים האָבן געמיינט, אַז מיטן אַוועקנעמען די פּאָליטישע רעכט, וועלן יידן קיין פליכט נישט האָבן צו דינען אין מיליטער. דערווייל איז אָבער געווען אַנדערש. קוים איז אויסגעבראָכן די מלחמה מיט עסטרייך (1809) האָט דער קריגס-מיניסטער פירשט יוזעף פּאָניאַטאָווסקי אויסגעשריבן אַ רעקרוטאַציע פאַר אַלע בירגער אָן אונטערשיד פון רעליגיע. אַ שרעק איז געפאַלן אויף אַלע יידן. אין די הויפן פון די צדיקים האָט מען געקלערט אַן עצה וואָס צו טון און די גרעסטע צדיקים זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן קיין וואַרשע און האָבן גוזר-תענית געווען אויף כלל-ישראל, כדי די גזירה אָפּצוּווענדן. מען האָט אַרויסגעשיקט אַלע שתדלנים צו די גרויסע פּריצים, מען האָט איינגעריסן מויערן און מען האָט געפּועלט. דער קריגס-מיניסטער האָט זיך געלאָזט איבערצייגן, אַז „יידן טויגן נישט צום מיליטער" און האָט מסכּים גע-ווען, אַז דער כלל-ישראל אין גאַנצן לאַנד זאָל צאָלן 700.000 גולדן

יערלעך. די סומע האָבן די יידן געצאָלט מיט שמחה, נאָר באַלד האָט נאַפּאָלעאָן מאַרשירט קיין רוסלאַנד און דאָס לאַנד האָט געמוזט אויפשטעלן אַ גרויסע אַרמיי. יידן האָבן געצאָלט אַ טאָפּלטע סומע, ד. ה. פאַרן יאָר 1812 נישט 700.000, נאָר 1.400.000. די לאַסט איז געווען שרעקלעך און צו דעם האָבן זיי געמוזט געבן קוואַרטירן פאַר די סאָלדאַטן און ליידן צרות אָן אַ שיעור. אויסער דעם האָט מען זיי אַלעמאָל באַשרענקט די פרנסות.

אין מאָסקווע האָט נאַפּאָלעאָן געהאַט אַ מפלה. ער, דער סנחריב הצפוני, איז אין אַ געוויינלעכן שליטן איבער קאָזשעניצע געקומען צופאָרן קיין וואַרשע, אָבער שוין נישט אין שלאָס אַריין און נישט מיט פאַראַד. אין האָטעל „אַנגיעלסקי" אויף וויעזשבאָוואַ גאַס איז ער איינגעשטאַנען אין דריי קליינע צימערן.

די חסידים און די צדיקים האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די שטראָף פון זיין ליבן נאָמען. זיי האָבן מיט זייערע אייגענע אויגן געזען די מפלה פון דעם שטאָלצן קייזער.

נישט דערלעבט האָט נאַפּאָלעאָנס מפלה ר׳ זלמן-שניאור מלאַדי, וואָס איז געווען זיין גאַנץ לעבן אַ חבר פון דעם „שר של יון". אַנטלויפנדיק פאַר דעם פראַנצויזישן מיליטער, איז ער נפטר געוואָרן אין אַ דאָרף לעבן פּאָלטאַווע און איז געקומען צו קבר-ישראל אין האדזיאַצש 24 טעג אין חודש טבת שנת תקע"ג לפ"ק (28 דעצעמבער 1812), בעת נאַפּאָלעאָן איז אַנטלאָפן פון מאָסקווע.

האָט געוווּסט פון דעם דער רבי בשעת זיין גסיסה?



36. די פעסטונגשול אין לוצק (צייכענונג פון דער מיט פון 19 יאָרהונדערט).



37. די פעסטונגשול אין לוצק (פאָטאָגראַפיע פון הײַנט)